# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:15
מוצאי שב"ק.....................9:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................מלכים-ב' א'-ב'
בבלי...........................ערכין כ"ז
ירושלמי....................חלה י"א
תוספתא........כתובות פרק י"א
רמב"ם....שאר אבות הטומאות ו'


פרשת חקת, י' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 44 (404)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָּרָה אֲדֻמָּה.** דִי סְפָרִים פְּרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה", דָאס אִיז דִי גְעזֶעץ פוּן דִי "תּוֹרָה", מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא נָאר פוּן אֵיין מִצְוָה, פוּן דִי מִצְוָה פוּן "פָּרָה אֲדוּמָה", עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין זֹאת חֻקַּת "הַפָּרָה"?

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דִי פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְן לָשׁוֹן "לֵאמֹר" וָואס דָאס מֵיינְט אֲמִירָה רַכָּה - אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער "דַּבֵּר" אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - וָואס דָאס אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶע לָשׁוֹן.

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן "תּוֹכָחָה", וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד טוּט אַן עֲבֵירָה דַארְף מֶען אִים זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען טוּן דִי מִצְוָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (עֲרָכִין ט"ז:) אַז רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא הַיינְט אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר", אוּן אוֹיבּ רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין הַיינְט זָאגְן.

וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מוּסָר אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיף אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ עֶרְגֶער. מֶען דַארְף זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (שַׁבָּת פ"ח:) אַז וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן דֶעמָאלְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֲבוֹדָה זָרָה, גִּילוּי עֲרָיוֹת, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ!", אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט זֵיי אָנְגֶעשְׂרִיגְן "וָואס הָאט אִיר גֶעטוּן?! אִיר וֵוייסְט וָואס אִיר הָאט דָא פַארְדָארְבְּן?!" וָואלְטְן דִי אִידְן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ, אוּן זֵיי וָואלְטְן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע גֵייט וַוייטֶער אָן אִין יֶעדְן דוֹר. רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק, (שְׁמוֹת לב, לד) **"וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"**, אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטְרָאף וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף אִידְן, אִיז דָא אִין דֶעם אַבִּיסְל פוּנֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן דֶעמָאלְט חַזְרְ'ן זִיךְ אִיבֶּער אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן וֶוער עֶס וִויל הַיינְט זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, קֶען עֶס נָאר טוּן אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ" אוּן דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן דִי חִיזּוּק צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען צוּ גֵיין צוּ אַזַא צַדִּיק וָואס אִיז מְחַזֵּק אִידְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן זֵיי קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי פָּרָה אֲדוּמָה אִיז דָאךְ דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל, זָאגְט דֶער פָּסוּק, **זֹאת חֻקַּת "הַתּוֹרָה"**, דָאס אִיז דִי גֶעזֶעץ פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי אִידְן נָאךְ דִי חֵטְא הָעֵגֶל, אַזוֹי דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִידְן, נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער **"לֵאמֹר - דַּבֵּר"** וֶוען מֶען וִויל זָאגְן שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין אוֹיךְ אוֹיף אַ וֵוייכֶע וֶועג פוּן חִיזּוּק.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק חֻקַּת שְׁנַת תשס"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס?

דִי גְרֶעסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן, עֶס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער פוּן אַלֶעס, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, עֶר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אַז אַ אִיד זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן חֲלִישַׁת הַדַּעַת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אַיינְרֶעדְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוְונְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַ רְפוּאָה, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר הָאט אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים נִיסִים. זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אוֹיבּ מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דֶעם מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיין קֵבֶר דַאוֶוענֶען אֵיין תְּפִילָּה אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם דַארְף עֶר צוּרִיק גֵיין אִין קֵבֶר, אוֹי וָואלְט עֶר גֶעדַאוְונְט"; אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּנְז, כָּל זְמַן מִיר לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר קֶענֶען דַאוֶוענֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' חֻקַּת תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?



**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן ב"ה אִין אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן. יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. מַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט כְּסֵדֶר. אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁרֵייעֶט עֶר אוֹיף מִיר קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אוּן אַסַאךְ מָאל רֶעדְט עֶר יָא זֵייעֶר שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר נֶעמְט מִיר אַרוּם אוּן שְׁמוּעֶסְט שֵׁיין מִיר מִיר, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז וִוידֶער צוּרִיק צוּם שְׁרֵייעֶן, עֶר שְׁרֵייעֶט וַוייטֶער מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים אוֹיף מִיר. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אַלְץ אַהִין אוּן צוּרִיק.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ צֶערִיסְן פוּן דֶעם, אוּן בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט חוּצְפָּה פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טַאטֶע וָואס שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וְכוּ' אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט מַמָּשׁ וִוי דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם; נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וֶועט דִיר עֶס נִישְׁט אַזוֹי וֵוי טוּן. דֶער עִיקָּר פוּן וָואס דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אִיז וַוייל דוּ נֶעמְסְט עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶעס מָאל עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וֶוערְסְטוּ פוּן דֶעם אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, עֶר מַאכְט דִיר שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַ פֶּעלֶער וְכוּ'. אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען בַּיי דִיר אִין קָאפּ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, נָאר וִויבַּאלְד דַיין טַאטֶע אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט וְכוּ' שְׁרֵייט עֶר אוּן בַּאזִידְלְט דִיר, וֶועט דָאס דִיר בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

אִיךְ וֵוייס פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס הָאט אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת, יֵשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לְשֶׁבַח וְיֵשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לִגְנַאי, טֵייל מֶענְטְשְׁן רִימֶען אִים כְּסֵדֶר אוּן אַ טֵייל שְׁפֶּעטְן פוּן אִים, זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד שְׁטֶענְדִיג: "וֶוען מֶענְטְשְׁן רִימֶען מִיר וֶוער אִיךְ נִישְׁט נִתְפָּעֵל דֶערְפוּן, כְּדַאי אַז וֶוען מֶען וֶועט לַאכְן פוּן מִיר זָאל מִיר דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן". "אִיךְ וֵוייס קְלָאר - זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַז דִי וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן צֶעקְלַאפְּן אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶע חִסָּרוֹן, זֵיי דַארְפְן נָאךְ אַבִּיסְל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע מִידוֹת, אוּן ווִידֶערְאוּם דִי וָואס רֶעדְן שֵׁיין אוּן קָאמְפְּלִימֶענְטְן אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר אֵייגֶענֶע מַעֲלָה", זַיין גַאנְצֶע חַיּוּת אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף מֶענְטְשְׁן; פְּרוּבִּיר אוֹיס דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ לֶעבְן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְרָאכְן פוּן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אוּן חַזֵּר זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", זִינְג עֶס מִיטְ'ן נִיגוּן, זִינְג עֶס אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז עֶר; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַזוֹי בַּאפֶעלְן", דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְן.

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שְׁלַח תשע"ט)

>>>>>>

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוֹת י', י"ב) אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז אַדוּרְךְ אוֹיף אִים בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחֲנִיּוּת, אוּן אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן. וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט, הָאט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַסַאךְ מָאל וָואס עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַסַאךְ מָאל אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶערְמִיט, אוּן מִן הַסְתָּם ווִיל אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן.

אַזוֹי וַוייט אַז צוּמָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי מִי אוּן פְּלָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים סֵיי וִוי נִישְׁט, עֶר הֶערְט אִים סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיס. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אָב הָרַחֲמָן, עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, אַז אַלֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אִיז נָאר גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער אוּן מֶער, עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵיין טָאג ווִיפִיל עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִין אַ יָאר.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִיזּוּק, וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע נִסָּיוֹן, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן.

### אַ גַאנְצְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת?

דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב סִימָן צ"ו) אַז עֶר ווִיל אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז דָא אַסַאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף טוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן, טְרִינְקֶען, לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פַּרְנָסָה, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען טוּן וַוייטֶער אַלֶעס וָואס מֶען טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דוּרְכְ'ן טָאג, נָאר וָואס מֶען טוּט זָאל מֶען טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן מֶען זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, זָאל מֶען גְלַייךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע טָאג, רַאטֶעוֶוע מִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל הַיינְט אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטְס, אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים" א.א.וו.

אוּן אַזוֹי אַ גַאנְצְן טָאג, סֵיי וָואס מֶען טוּט, זָאל מֶען טוּן נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַצְלִיחַ זַיין דֶערְמִיט. בִּיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַזוֹי קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת?

מֶען זֶעט אִין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְן אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ צוּ זַיין חַבֶר אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר אַ שָׁעָה", וֶועט אִים דֶער חַבֶר זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל צַייט צוּ רֶעדְן אַ שָׁעָה", אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט מֶען סְתָּם אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אָן קַיין בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, דַאן קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן אַ שְׁמוּעֶס אֲפִילוּ פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה, וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן בִּכְלַל, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָבֶּער אָן רֶעדְן עֶטְלִיכֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ עֶס יָא פַארְצִיעֶן לֶענְגֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר בַּיי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט וָואס מֶען טוּט, דַאן פוּן דִי קוּרְצֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט דָא אוּן דָארְט, וֶועט זִיךְ צוּזַאם קְלַייבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג אַ שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ מֶער, וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### דָאס גַאנְצֶע לֶעבְן אַ שְׁטִיק רוּחְנִיּוּת

אֵיינְמָאל מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, דַאן וֶוערְט דָאס

<<<<<<

>>>>>>

גאנצע לעבן איין שטיק רוחניות, איין שטיק אייבערשטער. ווייל אפילו די גשמיות'דיגע זאכן שמועסט מען אויך אויס מיטן אייבערשטן, דאס גאנצע לעבן ווערט א שטיק רוחניות.

אזא מענטש וועט קיינמאל נישט פילן אז ער איז אליין, אדער אז ער איז נישט אויפ'ן פלאץ, ווייל וואו ער איז, אין וואסערע מצב ער איז, וועט ער וויסן אז דער אייבערשטער איז מיט אים, און ער וועט אלעס דערציילן פארן אייבערשטן.

ווען מען וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט וועט מען זייער חרטה האבן אויב מען האט נישט גערעדט צום אייבערשטן, "איך האב דאך געהאט אזויפיל איבריגע צייט, דא בין איך געגאנגען אויפ'ן גאס, דא האב איך געדארפטווארטן אויף איינעם, איך האב דאך אין די צייט געקענט אריינכאפן אפאר דיבורים צום אייבערשטן", יעדע קליינע תפלה וואס מען רעדט צום אייבערשטן איז א געוואלדיגע הצלחה פארן מענטש, וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן, און א מענטש איז זיך מתרשל אין דעם, נאר ווייל ער מיינט אז עס איז נאר חשוב אויב מען רעדט א לענגערע שמועס מיט'ן אייבערשטן.

וואויל איז דער מענטש וואס האט שכל און נוצט אויס די צייט, ער כאפט אריין צו רעדן יעדן טאג צו רעדן כאטש עטליכע ווערטער צום אייבערשטן, וועט אים זיכער גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

(שיחות מוהרא"ש ח"ב וח"ד ערך התבודדות)

# די לעבנסגעשיכטע פון הייליגן רבי'ן (לב)

**אין קורצן פון פריער: דער הייליגער רבי וואוינט אין מעדוועדיווקע, און דארט ווערט מקורב צו אים ר' אהרן, וואס איז שפעטער געווארן דער רב אין שטאט ברסלב.**

### קנד

אויך איז ר' חייקל חזן דעמאלט נתקרב געווארן צום רבי'ן. דער רבי האט אים זייער אויסגעלויבט און געזאגט אויף אים אז ער האט די כח הנגינה פון איר שורש. דער רבי האט אים זייער ליב געהאט ביז ער איז געווארן ממש ווי א שטוב מענטש ביים רבי'ן, ער פלעגט אלץ זיך דרייען ביים רבי'ן. אויך זיין ברודער, ר' יצחק, איז דעמאלט נתקרב געווארן צום רבי'ן.

[אנשי שלומינו דערציילן אז איידער דער רבי האט זיך אריבערגעצויגן וואוינען קיין ברסלב, האט ער געזאגט פאר ר' חייקל, "קום מיט מיר, לאז אפ אלע דיינע געשעפטן און בלייב נאר א חזן, און פון דעם וועסטו האבן פרנסה, און אזוי ווי איך בין א חידוש אין מיין זאך, וועסטו אויך זיין א חידוש אין דיין זאך". ר' חייקל האט נישט געוואלט, אבער נאך די הסתלקות פון הייליגן רבי'ן האט ער זייער חרטה געהאט פארוואס ער האט נישט געפאלגט דעם רבי'ן. פון דעסט וועגן איז ער מיט'ן רבי'ן כח געווען גאר א גרויסער חידוש זיין גאנץ לעבן, א גרויסער עובד ה', א בעל השגה, און א בעל מופת.]

### קנה

אויך דארט אין מעדוועדיווקע האט דער רבי אסאך געפאסט, קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם - אפילו אויך נישט זיין ווייב - נאר דער משרת.

די אלע עסן וואס דעם רבי'נס ווייב האט אים צוגעגרייט, האט דער רבי געגעבן פאר'ן משרת און ער האט עס אויפגעגעסן, און דער רבי האט באשווארן דעם משרת ער זאל נישט אויסזאגן פאר קיינעם איבער די תעניתים.

אזוי ווי ר' חייקל פלעגט זיך אזויפיל דרייען ביים רבי'ן, האט ער געכאפט וואס דא גייט פאר, אז דער רבי פאסט און די אלע מאכלים עסט דער משמש אויף, אבער ער האט עס נישט אויסגעזאגט פאר קיינעם.

איינמאל איז ר' חייקל אנגעקומען צום רבי'ן אין א מיטוואך, דער רבי איז געווען דעמאלט זייער שוואך, ווייל ער האט דאן געפאסט משבת לשבת, און ווען ר' חייקל האט דאס געזען האט ער געזאגט צום רבי'ן, "רבי, עסט עפעס, ווייל איר זענט זייער שוואך, און אויב וועט איר נישט עסן, וועל איך אויסזאגן פאר מענטשן אז איר פאסט".

דער רבי פלעגט זיך פירן אז ער האט זיך קיינמאל נישט גע'עקשנ'ט אויף קיין שום זאך, און אזוי ווי ער האט געמוטשעט דעם רבי'ן ער זאל עפעס עסן, האט אים דער רבי געזאגט, "נו חייקל, גרייט צו אביסל יויך [זופ]".

ר' חייקל גלייך אליין געלאפן מיט אן עוף צום שוחט, מ'האט גע'שחט'ן דעם עוף, און אויפ'ן וועג צוריק האט ער שוין געפליקט די פעדערן, אז ער זאל עס גלייך קענען כשר מאכן און צוגרייטן א זופ פאר'ן רבי'ן. ער האט זיך זייער צוגעיאגט צוצוגרייטן די פלייש, און אפקאכן די זופ, אזוי אז ווען דער רבי האט געענדיגט דאווענען מעריב איז שוין געווען גרייט די זופ, און ער האט עס אריינגעברענגט צום רבי'ן.

דער רבי האט אים געזאגט, "נו חייקל, יעצט זינג דעם פרומען ניגון" [דער ניגון וואס מ'זינגט אין ברסלב אויף "מעין עולם הבא"]. ווען ר' חייקל האט געענדיגט דעם ניגון, האט אים דער רבי געזאגט ער זאל זינגען נאכאמאל און נאכאמאל. דערווייל איז דער רבי געזיצן מיט א געוואלדיגע דביקות, און יעדעס מאל ווען ר' חייקל האט געענדיגט דעם ניגון, האט אים דער רבי געוויזן מיט די האנט ער זאל אנהויבן נאכאמאל און נאכאמאל.

ביז צום סוף האט אים דער רבי געזאגט ער זאל ארויסגיין קוקן ווי האלט די

<<<<<<

# שאלות ותשובות ברסלב



## מיין ווייב רעדט צופיל מיט איר שוועסטער

***שאלה:***

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך האב ב"ה א גוט לעבן, א שיינע פרנסה, אן אייגענע הויז, און א ווייב און קינדער, און איך בין זייער דאנקבאר צום אייבערשטן אויף דעם.

עס איז אבער דא איין זאך וואס שטערט מיר זייער אין מיין שלום בית. מיין ווייב איז זייער אסאך פארנומען צו רעדן מיט איר שוועסטער, ווען זי רעדט ווען סתם זיך אויסצולופטערן וואלט מיר עס נישט געשטערט, אבער איך שפיר אז זי האט גענומען איר שוועסטער פאר א מאן, יעדע זאך פרעגט זי איר שוועסטער וואס צו טון, אנשטאט מיר צו פרעגן, און ווען זי פרעגט מיר שוין יא אמאל, איז עס נאר יוצא צו זיין, ווייל זי האט נישט קיין ברירה.

בכלל זע איך אויף מיין ווייב אז האט נישט קיין כח און נערווען צו פירן א שטוב, זי האט נישט קיין געדולד צו די קינדער און צו די שטוב, ס'איז איר צופיל פרעשור צו טראגן די אחריות פון פירן א שטוב.

איך האף איר וועט מיר קענען העלפן, און נעמט אויך אין אכט אז מיין ווייב וועט נישט וועלן הערן דעם ענטפער, זי וויל נישט הערן פון ברסלב, אבער אפשר איז דא א וועג פון מיין זייט אליין ווי אזוי צו פארבעסערן דעם מצב.

**א גרויסן יישר כח**

***תשובה:***

**בעזרת ה' יתברך**

יום א' פרשת שלח, כ' סיון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער יסוד היסודות אין שלום בית איז צו זיין אפן איינער מיטן צווייטן; אויב עפעס טוט וויי דארף מען זיך אדורך רעדן איינער מיטן צווייטן. אויב מען רעדט נישט אדער איינער האט מורא פונעם צווייטן צו רעדן, דאן איז זייער ביטער.

אז דו ווילסט דיין ווייב זאל זיך רעכענען מיט דיר, זי זאל דיר שעצן און אננעמען דיין ווארט - ווענדט זיך דאס אין דיר, דאס ווענדט זיך ווי אזוי דו פירסט זיך מיט איר. שלמה המלך זאגט (משלי כז, יט): "כמים הפנים לפנים, כן לב האדם לאדם", אזוי ווי ווען מען קוקט אריין אין וואסער מיט א שמייכל'דיגע פנים זעט מען צוריק א שמייכל, און ווען מען קוקט אריין מיט א ברוגז'דיגע פנים זעט מען צוריק א ברוגז'דיגע פנים; אזוי אויך איז מיט די ווייב, ווען דו וועסט שיין רעדן צו דיין ווייב און איר געבן גוטע ווערטער וועט זי צוריק רעדן צו דיר שיין און זי וועט דיר געבן ליבשאפט און גוטע ווערטער. אזוי אויך אז דו וועסט איר העלפן אין שטוב וועט זי זען אז דו האסט א געפיל פאר איר און דאס וועט ענק מאכן נאנט איינער מיט'ן צווייטן. רעד שיין צו דיין ווייב און געב איר גוטע ווערטער, וועט זי דיר ליב האבן און זי וועט אננעמען דיין מיינונג.

אז דיין ווייב האט נישט קיין כח צו פירן די שטוב, זאלסטו איר העלפן; עס איז נישט דא קיין גרעסערע מצוה ווי צו העלפן די ווייב מיט די קינדער. זוך דיר נישט קיין גמילות חסדים אינדרויסן, ענדערש זאלסטו איר העלפן וועסטו פארדינען סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט; אויף די וועלט וועסטו האבן א געזונטע ווייב מיט געזונטע קינדער און אויף יענע וועלט איז זייער חשוב דער וואס ציעט אויף א שטוב מיט ערליכע קינדער.

רעד נישט צו איר פון ברסלב; דער הייליגער רבי האט בפירוש געזאגט: "וואס גייט מיר אן אז א איד וועט בענטשן אן ערליכן ברכת המזון אן וויסן אז עס קומט פון מיר"; רעדט צו איר די חיזוק פון רבי'ן אן דעם רבי'נס נאמען, זאג: "צדיקים זאגן", אדער: "עס ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים"; וועט זי דאס אננעמען און שפעטער וועט זיך אלעס טוישן.

נעם אריין אין דיר דעם מאמר החכם: "הסבל - תחבולה למי שאין לו תחבולה", סבלנות איז דער וועג ווען מען האט נישט קיין שום אנדערע וועג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

(עצתו אמונה, פ' שלח תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers




**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**

>>>>>>

נַאכְט, וִויפִיל אַזֵייגֶער עֶס אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז שׁוֹין דֶער עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אַזוֹי לַאנְג הָאבְּן זֵיי זִיךְ פַארְזוּימְט מִיט דְבֵיקוּת מִיט דֶעם נִיגוּן.

דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי זוּפּ אוּן עֶס נִישְׁט גֶעגֶעסְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט זַיין תַּעֲנִית בִּיז סוֹף וָואךְ.

**קנו**

אַזוֹי וִוי גָאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זֶענֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דוּרְכ'ן רֶבִּי'ן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע גֶעפָּארֶעכְץ צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַ שְׁטִיקְל מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פוּן דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער דָארְט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ מְקוֹרָבִים אוּן יְדִידִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען בַּיים טִישׁ דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִילִים קכ"ד) "לוּלֵי ה' שֶׁהָיָה לָנוּ" אַסַאךְ מָאל, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם עוֹלָם אוּן גֶעזָאגְט, "אִיר וֶוערְט נָאכְנִישְׁט גֶערֶעכְנְט וִוי מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל סְ'וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן מִיר אוּן קְרִיגְן אוֹיף מִיר, אוּן וֶוער סְ'וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן בְּלַייבְּן בַּיי מִיר, עֶר וֶועט אֶמֶת'דִיג זַיין פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן.

**קנז**

אִין יֶענֶע טֶעג הָאט אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, ר' לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער פוּן שְׁטָאט קְרִימֶענְטְשָׁאק, גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט אַ זוּן מִיטְ'ן נָאמֶען יִצְחָק אַייזִיק, אוּן עֶר אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער שָׂרָה, אוּן עֶר וִויל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶּער ר' חַייקְל הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אִיר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ פְרִישֶׁע מַחְלוֹקֶת", וַוייל דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ שׁוֹין מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען מִיט אַסַאךְ צַדִּיקִים אִין דוֹר, אוּן יֶעצְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן דֶעם שִׁידוּךְ, וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם אַ פְרִישֶׁע מַחְלוֹקֶת.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "זָאל עֶר גֶעבְּן טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט דֶערְמִיט אַז וַוארְשֵׁיינְלִיךְ וֶועט דֶער גְבִיר נִישְׁט מַסְכִּים זַיין צוּ גֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסֶע סוּמֶע אוּן דֶער שִׁידוּךְ וֶועט נִישְׁט וֶוערְן. ר' לֵייבּ הָאט אָבֶּער יָא גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער שִׁידוּךְ גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּינְ'ס צְוֵוייטֶע טָאכְטֶער - שָׂרָה, אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן מִיט יִצְחָק אַייזִיק דֶער זוּן פוּן ר' לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער. נָאךְ פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן - אָדְל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק און עצות, שיעורים און דרשות; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

די וואכנאכט וועט פארקומען אי"ה
דעם מוצאי שב"ק פ' חקת אין
**מחנה היכל הקודש ברסלב**
**177 Old Route 17, Monticello, NY, 12701**
די ברית וועט אי"ה פארקומען זונטאג פ' בלק, ביי
**כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א**
בית המדרש יראי ה' קארלסבורג - בארא פארק
**1556 53th St.**
**שחרית 8:30 - ברית 9:30 - פונקטליך**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## געביידע אין אומאן מאכט פארשריט יעדן טאג בעז"ה

געלויבט דעם אייבערשטן אז אין בלויז דריי חדשים פון יעצט וועלן מיר זיך אלע געפינען אין שטאט אומאן בצל הקודש פון הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה תש"פ הבעל"ט.

די בוי מייסטערס שטרענגען זיך אן און איילן זיך צו צו פארענדיגן דעם בנין, אזוי אז אנשי שלומינו זאלן האבן א רואיגע און ריינע ווינקל אינעם ווירבלענדיגן שטאט אומאן, וואו מיר זאלן קענען פארברענגען די פאר טעג מיט הרחבת הדעת.

**זינט דעם פארגאנגעם ראש השנה איז שוין געמאכט געווארן אסאך פארשריט:**

* מען האט ארויפגעצויגן די סטרוקטור פון שטאק 5 און 6.
* מען האט שוין ב"ה געענדיגט די דרויסענדיגע ווענט פון אלע 6 שטאקן.
* די טרעפ פון פארנט און פון הונטן זענען שוין געענדיגט ביז אויבן.
* דער עלעוועיטאר שעפט איז שוין פארענדיגט.
* מען האט ארויפגעצויגן די קוימען פאר די צוויי גיגאנטישע בוילערס ביז'ן דאך.

**יעצט גייט ווייטער אן די ארבעט פלייסיג:**

* מ'לייגט יעצט די פעך אויפ'ן דרויסנדיגע דאך, עס זאל נישט ארייגרעגענען.
* מ'ענדיגט די **12,500** גאלאנדיגער וואסער טאנק.
* מ'ארבעט אויף די זעקס קוועלער עס זאל בעז"ה שפרודלען פרישע וואסער גענוג פאר'ן געברויך.
* מ'ענדיגט צו אינסטאלירן די צוויי גיגאנטישע הייס וואסער בוילערס.
* מ'ענדיגט די צווייטע שטאק פון די שלאף צימערן, די טיילס, און בית הכסא'ס.

מיר אלע הערן דעם הייליגן רבינ'ס רוף, "ווער עס גלייבט אין מיר, זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה", מיר גלייבן מיט אמונת חכמים אין הייליגן רבי'ן וואס האט געזאגט, "יעדער זאל קומען, קיינער טאר נישט פעלן", "אויך ווען איך קען נישט פארעכטן א גאנץ יאר, קען איך פארעכטן ראש השנה", און מיר אלע בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאל האבן די זכי' צו פאלגן דעם הייליגן רבי'ן בתמימות ובפשיטות און קומען קיין אומאן אויף קומענדיגן ראש השנה הממשמש ובא, און אויסנוצן די הייליגע טעג זיך אויסצובעטן א גוט יאר פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה.

פילע האבן זיך שוין טאקע איינגעהאנדלט טיקעטס צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי אויך האבן שוין פילע ארויסגענומען א בעט אינעם נייעם בנין, צו פארברענגען דעם יום טוב צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין א היימישע ערליכע אטמאספער.

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן ביי אלע אנשי שלומינו אז מ'זאל שוין ארויסנעמען א בעט ווי פריער, ווייל עס זענען פארהאן פילע אידן וועלכע ווארטן צו דינגען א בעט, און פון ראש חודש אב אן וועט מער נישט זיין קיין דין קדימה פאר די אלע וועלכע האבן גענומען א בעט פאריאר, מ'וועט אנהויבן ארויסגעבן אלע בעטן פאר יעדן וואס בעט.**

**אין די טעגליכע בריוון פון די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א עטליכע מאל מעורר געווען אז מ'זאל נישט ווארטן אויף די לעצטע מינוט, נאר שוין דינגען א בעט אינ'ם בנין, ווייל באלד איז שוין נישטא דא קיין בעטן.**

עס איז גאר אנדערש דער ראש השנה ווען מ'איז צוזאמען אויף איין פלאץ, מ'הערט דיבורים פון הייליגן רבי'ן וואס מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש, מ'שטארקט זיך אינאיינעם, און די קינדער געפונען זיך אין אן אפגעהיטענעם ארט.

צו דינגען א בעט קען מען רופן **347-452-1936**.

**מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!**


# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**